**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט $10.1 מיליאן אין בריק אינפראסטרוקטור ערזעצונג פראיעקטן די דרום טיער און די פינגער לעיקס

***דריי פראיעקט וועלן פארבעסערן זיכערהייט און באוועגונג און ווידערשטאנד פעיגקייטן לענגאויס שליסל רייזע קארידארן***

***נעמט אריין איבערנוץ פון באשטאנדטיילן פון געוועזענע טאפאן זי בריק***

***אינוועסטירונג ערגענצט "Southern Tier Soaring" — די ראיאן'ס קאמפריהענסיווע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ארבעט איז גרייט זיך אנצוהייבן אויף דריי בריק ערזעצונג פראיעקטן וואס וועלן פארבעסערן זיכערהייט און באוועגונג דורכאויס צוויי גאר וויכטיגע רייזע קארידארן אין די מערב דרום טיער. די פראיעקטן רעפריזענטירן א $10.1 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די ראיאן'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטאר וואס וועט פארבעסערן ווידערשטאנד פעיגקייטן קעגן שווערע וועטער און אויך פארגרעסערן צוטריט פאר אלע נוצער פון די סיסטעם, אריינגערעכנט פוסגייער און בייק פארער. די ארבעט, וואס וועט אינטערגענומען דורך די ניו יארק סטעיט דיפארמענט פון טראנספארטאציע, וועט אויך מאכן באנוצט פון איבערגענוצט באשטיינדלעך פון די געוועזענע טאפאן זי בריק, אינטערשטרייכענדיג גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו נוצן אלע עווילעבל רעסארסן צו צושטעלן ניו יארקער מיט א טראנספארטאציע סיסטעם וואס קומט נאך אלע שוועריגקייטן פון די 21טע יאר הונדערט.

"ניו יארק איז אנטשלאסן צו מאכן די נויטיגע אינוועסטירונגען אין אונזער סטעיט'ס אינפראסטרוקטאר צו געבן לאקאלע געמיינדעס און ראיאנישע עקאנאמיעס די טראנספארטאציע נעטווארק זיי דארפן צו בלייבן פארבינדעט און קענען קאנוקרירען אין די גלאבאלע עקאנאמיע," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "די בריקן פראיעקטן וועלן צושטעלן פארבעסערטע באוועגונג און ווידערשטאנד פעיגקייט פאר צענדליגע יארן צו קומען, גרינגער מאכענדיג פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך צו רייזען דורך די מערב צפון טיער און הנאה האבן פון אלעס צו ראיאן האט פארצושטעלן. און דורך נוצן איבערגענוצט באשטיינדלעך פון די טאפאן זי בריק, אונז שפארן אויך צייט און פארמינערן קאסטן."

בריק דעק פאנעלן פון די געוועזענער טאפאן זי בריק, וואס איז צונומען געווארן אין 2017, ווערן גענוצט אלץ א טייל פון די $4.8 מיליאן דאלאר פראיעקט צו ערזעצן די בריקן טראגענדיג סטעיט ראוט 248 איבער שוגאר קריעק בריק אין די טאון פון קאניסטיא, סטובען קאונטי. די איבער גענוצטע דעק פאנלען וועלן פלאצירט ווערן אויף די נארוואס געבויטע אבאטמענטס צו שאפן א נייע סטרוקטאר וואס וועט נעמען די פלאץ פון די פארעלטערטע שוגאר קריעק בריק, וואס איז אריגינעל געבויט געווארן אין 1939. די בענעט'ס קריעק בריק, וואס איז געבויט געווארן אין 1974, וועט אויך ווערן ערזעצט דורך א מולטי-

גירדער בריק.ביידע נייע בריקן וועלן נוצן וועטער קעגנשטעלענדיגע קאנקריט און אנדערע מאטעריאלן צו פארבעסערן ווידערשטאנד עיגקייטן קעגן שווערע וועטער. זיי וועלן אויך האבן ברייטע שאולדערס צו בעסער אקאמאדירן בייק פארער און פוסגייער.

סטעיט ראוט 248 איז א הויפט צוטריט גאס פאר דאונטאון קאניעסטא, און די ערזעצונג פון די שוגער קריעק בריק און בענעטס קריעק בריק געט צו NYSDOT'ס [8.6$ מיליאן אינוועסטירונג] צו פארבעסערן זיכערהייט און פארשענערן די ווילידש'ס דאונטאון געגענט וואס איז פארענדיגט געווארן פאריאר. דורכאויס קאנסטרוקציע, פארקער איבער שוגער קריעק וועט אנגעהאלטן ווערן דורך די אינסטאלאציע פון א צייטווייליגע בריק אויפן פלאץ. די בענעטס קריעק בריק וועט פארענדיגט ווערן אין פאזעס מיט פארקער פארמינערט צו איין לעין אין קאנטראלירט דורך צייטווייליגע סיגנאלן. באדייטענדע קאנסטרוקציע איז ערווארטעט צו פארענדיגט צו ווערן ביים ענדע יאר.

נאך אינוועסטירונגען צו ווערן איינגעפירט די יאר נעמען אריין:

- **3$ מיליאן** דאלאר צו ערזעצן די בריק וואס טראגט סטעיט ראוט 54 איבער ווילאו גראוו קריעק אין די טאון פון מילא, יאטעס קאונטי. די פראיעקט וועט ערזעצן די אריגינעלע סטרוקטאר, וואס איז אויפגעבויט געווארן אין 1938, מיט א אייזענע גירדער בריק. די נייע בריק וועט פארמאגן גאלוואניזירטע אייזן עלעמענטן און א קאמפאזיט קאנקריט דעק און זענען מער וועטער קעגנשטעלענדיג און וועט צושטעלן אן ערווארטערטע סערוויס לעבן פון 75 יאר. די נייע בריק וועט אויך האבן ברייטע שאולדערס צו בעסער אקאמאדירן בייק פארער און פוסגייער. סטעיט ראוט 54 ליגט אין די הארץ פון די פינגער לעיקס, לויפענדיג צפון צו דרום לענגאויס די מזרח זייט פון קעיוקע לעיק און צושטעלענדדיג אומצאליגע באזוכער צוטריט צו די פולע וויין פאבריקן וואס מען קען טרעפן פארענדיג אויף דעם ראוט. דעמאלירונג פון די אריגינעלע בריק האט אנגעהויבן אפריל 10 און די גאנצע פראיעקט איז ערווארטעט צו ענדיגן אין הערבסט פון דאס יאר.

- **2.3$ מיליאן דאלאר** צו ערזעצן די בריק וואס טראגט סטעיט ראוט A14 איבער ראק סטרעים קריעק אין די טאון פון ריעדינג, שוליער קאונטי. די פראיעקט וועט ערזעצן די אריגינעלע סטרוקטאר, וואס איז אויפגעבויט געווארן אין 1926, מיט א קאנקריט בויגן בריק וואס וועט פארמאגן ברייטע שאולדערס און האבן אן ערווארטערטע סערוויס לעבן פון 70 יאר. סטעיט ראוט A14 איז א קריטישע צוטריט גאס צו די פינגערלעיקס ראיאן און קניפט זיך אריין אין די ווילעדש פון וואטקינס גלען, וואס שטאלצירט זיך מיט עטרעקשענס א שטייגער ווי וואטקינס גלען סטעיט פארק און די וואטקינס גלען אינטערנאציאנאל, וואס איז א דעסטינאציע רעיסינג טרעק פאר קאר ליהאבער ארום די וועלט. די פראיעקט איז ערווארטעט צו ענדיגן אין הערבסט פון דאס יאר.

**סטעיט דיפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנער מערי טעריסע דאמינגועס האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט אז דורך אינוועסטירונג אין אונזער סטעיט'ס געמיינדעס און טראנספארטאציע אינפראסטרוקטאר אונז מאכן א פונדאמענטאלע פארליכטונג צו אונזער לאנג-טערמיניגער ענווייראמענטאל און עקאנאמישע נאכהאלטיגקייט. איבערנוצן בריק דעקס פון די טאפאן זי בריק מאכט די פראיעקטן אין די נערב דרום טיער מער קאסט אפעקטיוו און וועט אונז העלפן האלטן מענטשן און ביזנעס פארן דורכאויס די ראיאן פאר צענדליגע יארן צו קומען, מאכענדיג אונזער לאקאלע קאמיוניטיס שטערקער, אונזער אינפראסטרוקטאר מער ווידערשטאנד-פעיג און עקאנאמיע מער וויבראנט."

**טרוועי אוטאריטעט עקזעקוטיווע דירעקטאר פרענק ג. האוער האט געזאגט,** "די טאפאן זי בריק לעבט ווייטער מיט א נייע צוועק. די טרוועי אוטאריטעט האט אפגעמאכט יארן צוריק צו לייגן אין א זייט די קאנקריט דעק פאנעלן אז זיי זאלן קענען סטראטיגיש איבערגענוצט ווערן איבער ניו יארק סטעיט. דעס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון גאווערמענט ביי אלע שטאפלן ארבעטענדיג צוזאמען צו שפארן שטייערצאלער געלטער און בענעפיטירן לאקאלע געמיינדעס."

**אסעמבלימעמבער פיל פאלמעסאנא האט געזאגט,** "די בריק ערזעצונג פראיעקטן געפלאנט פאר ארבעט דורכאויס מיין אסעמבלי דיסטריקט און שוליער, שטובען און יעיטס קאונטי רעדן צו די וויכטיגקייט פון לאקאלע אינפראסטרוקטאר און זענען א וויכטיגע און קריטישע טייל פון א זיכערע און פארלעסליכע טראנספארטאציע נעטווארק. אונזערע גאסן און בריקן זענען א וויכטיגע טייל פון טעגליכע רייזע גענוצט דורך לאקאלע איינוואוינער, ערשטע הילף, טעגליכע קאמיוטירער, טוריסטן און אלע וואס רייזן איבער די גאסן. איך וויל דאנקען ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנער דאמינגועז און די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון טראנספארטאציע פאר זייער אנגייענדע פארפליכטונג צו פארבעסערן אונזערע טראנספארטאציע סיסטעם."

**אסעמבלימעמבער דשאסעף מ. גיגליא האט געזאגט,** "דעס איז גרויסע נייעס פאר איינוואוינער אין קאניסטעיא און איבער סטובען קאונטי. ערזעצן די בריקן וואס טראגן סטעיט ראוט 248 איבער שוגער קריעק און בענעטס קריער וועט פארבעסערן זיכערהייט פאר די רייזענדע פאבליק ווען זיי רייזן און טוען ביזנעס דורכאויס די ראיאן. ווי די ארבעט הייבט זיך אן, איך העט אז מאטאריסטן פארלאנגזאמען און בלייבן וואך צו שיצן DOT קאנסטרוקציע ארבעטער ביי די פראיעקטן. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר פריאריטיזירן די פראיעקטן."

**טשעיר פון די סטובען קאונטי לעגיסלאטור קעללי פיצפאטריק האט געזאגט,** "אונז שעצן ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין סטובען קאונטי אינפראסטרוקטאר. אזעלכע פראיעקטן פארשטערקערן אונזערע געמיינדעס און אונזער עקאנאמיע. די פארפליכטען געלטער צו די בריק פראיעקן טוט בענעפיטירן אלע שטייערצאלער."

לעין און שאסיי שליסונגען קענען זיין נויטיג פאר איינגעשטעלטע צו קענען פארענדיגן די פראיעקטן. די און אנדערע באווירקונגען צו טרעפיק וועלן געמאלדן ווערן דורכאויס די בויערײ סעזאן.

אלע קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן זענען געוואנדן אויף די וועטער. מאטאריסטן ווערן דערמאנט אז אין ניו יארק סטעיט זענען אלע שטראף-אפצאל סומעס געדאפלט פאר ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון. אין איינקלאנג מיט דעם ארבעט זאנע זיכערהייט געזעץ (Work Zone Safety Act) פון 2005, קען דאס באשולדיגט ווערן צוויי אדער מער מאל מיט ספידינג פארלעצונגען אין אן ארבעט זאנע פירן צו די סוספענדירונג פון א מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511, באזוכט [www.511NY.org](http://www.511NY.org) אדער דאַונלאָודן די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפפ.

פאלגט נאך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט אויף טוויטער אויף @NYSDOT און @NYSDOTRochester. טרעפט אונז אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

**שטופן 'Southern Tier Soaring' פאראויס**

די הייינטיגע אנאנסירונג באגלייט "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. די ראאיניש-

**אויסגעשטעלטע פלאן קאנצעטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן פארשריט פון דעם קומענדיגן דור. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.**

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן